# פאַר מײַנע שפּיטאָלניקעס

מיר דרעמלען אונטער ווײַסע קאָלדרעס,
גלײַך גאָסן ליגן אונטער שניי...

מיר זײַנען די שטײנער פון דער וועלט,
אונדזער ווײַכע בעט איז האַרט.

די טעג צעקוועטשן אונדז דאָס לײַב,
די טעג לויפן אונדז פאַרבײַ,
ווי רעדער לויפן־דורך דעם ברוק:
ס'האָט אַ רויש געטאָן — איצט איז עס ווײַט,
וואָס איז געבליבן? שאַרפע צײכנס,
צײכנס, צײכנס, גריבער־צײכנס, —

ליגן מיר, קוקן מיר און לײענען שווער
די טיפע שפּראַך פון אונדזערע וואונדן...

מיר רירן זיך נישט, ליגן פרעמדע ווי ברוקן,
מעת־לעתן גײען איבער אונדז האַרט ווי רעדער.

נאָר אַמאָל ווערט אַלץ: שטילקײט און דראַאונג און טונקל
(ווי עס קוקט אַראָפּ שטיל אַ כמאַרע צו דר'ערד)
און אויף אונדז פאַלט פון ערגעץ אַזוי געדיכט טרויער,
אַזאַ ווײכער טרויער און וויקלט אונדז אײַן
די גופים די קוואַרע ווי ווינטער פאַרוויקלט,
די גאָסן אין שניי, די גאָסן אין שניי...

ווערט אַלץ פאַרגעסן, עס טוט שוין נישט וויי...

נאָר אַמאָל שפּעט בײנאַכט גיט אַ װינטל אַ זיפץ,
װערט אַזױ קאַלט און די אײנזאַמקײט שרײט:
װינטער...

דריקט מען צום האַרצן די קאַלדרעס די װײַסע
און מען שרעקט זיך פאַר זײ,
און מען דרימלט דורך זײ
אַ געבעט:

גאָט, גאָט גיב אַ פרילינג
פאַר די שװערע מענטשן װעגן...